בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת כי תשא תשע"ו** — **גליון 349 [שנה ח']**

### משה איז שקול כנגד כל ישראל

וְנָתְנוּ אִישׁ כֹּפֶר נַפְשׁוֹ לַה' בִּפְקֹד אֹתָם: (ל' יב) שטייט אין מדרש, ווען משה האט געהערט אִישׁ כֹּפֶר נַפְשׁוֹ, האט ער מורא געהאט אפשר מיינט דער אויבערשטער כפשוטו אז מען דארף געבן דעם נפש אלץ א אויסלייז! האט אים דער אויבערשטער געוויזן א מטבע און געזאגט, זֶה יִתְּנוּ, די געלט וואס מען וועט געבן וועט זיין א אויסלייז. צו פארשטיין וואס איז געווען די מורא פון משה? נאר עס שטייט אין חז"ל אז אֲבִישַׁי בֶּן צְרוּיָה איז געווען שקול כְּרוֹב של סנהדרין (ברכות ס"ב:), און אין פרקי דרבי אליעזר שטייט, לא נפל מישראל אלא אֲבִישַׁי בֶּן צְרוּיָה בלבד, נאר ער איז געשטארבן, שהיה שקול במעשיו הטובים ובתורתו כנגד ע' אלף איש, שנאמר (דברי הימים א' כ"א) וַיִּפֹּל מִיִּשְׂרָאֵל שִׁבְעִים אֶלֶף אִישׁ, אֲנָשִׁים אין כתיב כאן, אלא אִישׁ.. שטייט נישט שִׁבְעִים אֶלֶף אֲנָשִׁים, נאר אִישׁ, וואס איז שקול אזוי ווי ע' אלף איש. ממילא משה רבינו וואס איז געווען שקול כנגד כל ישראל אזוי ווי אֲבִישַׁי בֶּן צְרוּיָה, האט ער מורא געהאט אז אִישׁ כֹּפֶר נַפְשׁוֹ מיינט דאס אז ער –משה– וועט זיין א כפרה פאר כלל ישראל, דעריבער האט אים דער אויבערשטער בארוהיגט און געזאגט: זֶה יִתְּנוּ: די מטבע וועט זיין די אויסלייז. (אברהם אנכי פאלאג'י בשם חי' הגאונים)

### ריינע געלט גייט פאר הייליגער כלים

רְאֵה קָרָאתִי בְשֵׁם בְּצַלְאֵל בֶּן־אוּרִי בֶן־חוּר לְמַטֵּה יְהוּדָה: וָאֲמַלֵּא אֹתוֹ רוּחַ אֱלֹהִים בְּחָכְמָה וּבִתְבוּנָה וּבְדַעַת וּבְכָל־מְלָאכָה: לַחְשֹׁב מַחֲשָׁבֹת לַעֲשׂוֹת בַּזָּהָב וּבַכֶּסֶף וּבַנְּחֹשֶׁת: (ל"א ד) דארף מען פארשטיין וואס מיינט די תורה לַחְשֹׁב מַחֲשָׁבֹת נאכדעם וואס עס שטייט אז בצלאל האט געהאט חָכְמָה תְּבוּנָה און דַעַת? נאר מען האט גענומען די נדבות פאר אלע זאכן פון משכן און וויבאלד עס זענען געווען זאכן וואס זענען הייליגער פון אנדערע האט מען געוואלט אז די ריינע און הייליגע געלט זאל גיין אויף הייליגע זאכן דעריבער ווייל בצלאל האט געוואוסט יעדענ'ס מחשבה בשעת ער האט געגעבן די געלט, און לויט דעם האט ער גענומען און געטאן מיט יענע געלט, און וואס מער הייליג איז געווען די מחשבה פון דער נותן, איז די געלט געגאנגען פאר א מער הייליגע כלי אדער בגד. (קהלת יצחק ווילנא) מען האט געזען ביי די הייליגע צדיקים בדור הקודם אויך אז זיי האבן צוטיילט די געלט וואס זיי האבן באקומען אויף אנדערע צוועקן וואס לויט די הייליגקייט און מחשבה פון דעם נותן.

### שבת איז הייליג פון זיך אליין

אַךְ אֶת־שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ כִּי אוֹת הִוא בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם לְדֹרֹתֵיכֶם לָדַעַת כִּי אֲנִי ה' מְקַדִּשְׁכֶם: (ל"א יב) פרעגן די מפרשים אז די ווארט אַךְ איז א מיעוט, (פסחים ה. וברש"י, ירושלמי ברכות פ"ט ה"ז) כל אַכִין וְרַקִּין מיעוטים הם, וואס קומט דא אַךְ צו ממעט זיין? אויך איך שווער וואס מיינט לָדַעַת כִּי אֲנִי ה' מְקַדִּשְׁכֶם, וואס קומט עס דא צו זאגן? נאר ביי שבת שטייט זכור ושמור, זכור איז די מצוות עשה, און שמור איז די מצוות לא תעשה, און דער עיקר פון שמירת שבת איז היטן די לא תעשה, און דאס קומט מצד די מענטש ער זאל נישט עובר זיין, אבער די מצות עשה פון זכור וואס דאס איז א הארה, א ליכטיגקייט, דאס קומט פון הימל [און יעדער איז דאס משיג לויט זיין הכנה, כידוע דער פירוש פון הייליגן בית אהרן: כל מקדש שביעי, יעדער איד פילט א קדושה אין שבת, אבער וויפיל? כראוי לו, לויט זיין הכנה, המו"ל] און די גמ' זאגט אז דער חילוק פון שבת און יו"ט איז אז שבת קומט די קדושה ממילא פון שמים דעריבער זאגט מען מקדש השבת, משא"כ ביי יו"ט קומט די קדושה פון בי"ד און די מענטשן דעריבער זאגט מען מקדש ישראל והזמנים, און דאס מיינט דער פסוק כִּי אוֹת הִוא בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם, די הערה פון שבת איז נאר פאר אייך כלל ישראל. און דאס איז דער טעם וואס דער בנין בית המקדש האט נישט דוחה געווען דעם שבת, ווייל בנין בית המקדש ווערט געבויט דורך מענטשן, אבער קדושת שבת איז פון הימל, און שבת איז הייליג פון זיך אליין, מיט דעם איז גוט פשט אין פסוק אַךְ אֶת־שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ, דער מיעוט אַךְ, גייט ארויף נאר אויף תִּשְׁמֹרוּ, די מצוות לא תעשה, דאס איז דער עיקר וואס איר דארפט טאן, אבער דער זכור, די מצוות עשה, דאס איז מן השמים, ווייל אוֹת הִוא בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם, לָדַעַת כִּי אֲנִי ה' מְקַדִּשְׁכֶם, די אוֹת איז פון השי"ת, און די קדושה פון שבת קומט וואס אֲנִי ה' מְקַדִּשְׁכֶם. (אזור אליהו – ווארשאווסקי) [דער ספר יִצְחָק בְּנוֹ וויל ענטפערן אז דער אַךְ קומט צו ממעט זיין אז א גוי טאר נישט היטן שבת, אזוי ווי די גמ' זאגט (סנהדרין דף נח:) גוי שֶׁשָּׁבַת חייב מיתה ע"כ און דאס איז טאקע וואס די פסוק זאגט ווייטער כִּי אוֹת הִוא בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם, אז שבת איז נאר פאר כלל ישראל כנ"ל. המו"ל]

### וועגן שבת זענען אידן זוכה צו א עולם העכער פון די מלאכים

אַךְ אֶת־שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ כִּי אוֹת הִוא בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם לְדֹרֹתֵיכֶם לָדַעַת כִּי אֲנִי ה' מְקַדִּשְׁכֶם: בֵּינִי וּבֵין בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אוֹת הִוא לְעֹלָם: (ל"א יב–יג) זאגט דער הייליגער אור החיים אז לְדֹרֹתֵיכֶם איז א לשון פון דירה, מרומז אויף די עולם העליון וואס אידן וואס היטן שבת זענען זוכה צו זיין, אבער דאס איז העכער פון דער עולם המלאכים, און די מלאכים קענען דארט נישט זיין, דאס מיינט די פסוק כִּי אוֹת הִוא בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם נאר לְדֹרֹתֵיכֶם, פאר אייך א דירה, וועגן דעם בֵּינִי וּבֵין בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אוֹת הִוא – לְעֹלָם, דער עולם פון שמירת שבת איז נאר פאר אידן און נישט פאר מלאכים. (אור החיים הק')

### נאנט וועגן שורש נשמה

עִבְרוּ וָשׁוּבוּ מִשַּׁעַר לָשַׁעַר בַּמַּחֲנֶה וְהִרְגוּ אִישׁ־אֶת־אָחִיו וְאִישׁ אֶת־רֵעֵהוּ וְאִישׁ אֶת־קְרֹבוֹ: (לב כז) דארף מען פארשטיין אז עס שטייט וְהִרְגוּ אִישׁ־אֶת־אָחִיו און נאכדעם וְאִישׁ אֶת־קְרֹבוֹ, איז דען דא א נאנטערע ווי א ברודער? מוז מען זאגן אז עס זענען דא צוויי דרגות. מען קען זיין נאנט צו א ברודער ווייל מען האט דער זעלבן טאטע און מאמע, אבער זייער נשמות זענען נישט פון דעם זעלבן שורש, איז דער נאנטקייט נישט אזוי שטארק, און דאס מיינט אִישׁ־אֶת־אָחִיו, אבער עס איז דא די אִישׁ אֶת־קְרֹבוֹ, וואס זיי זענען אסאך נענטער פון ברידער, דאס מיינט זייער נשמות זענען פון די זעלבע שורש, ווייל זיי זענען שוין געווען צוזאמען אויף דעם עולם אין א פריערדיגן גלגול, און וועגן דעם איז די אהבה גרויס צווישן זיי, דאס איז אִישׁ אֶת־קְרֹבוֹ, קָרוֹב שֶׁבִּקְרוֹבִים. (אוה"ח הק')

## מדור העובדות

## **** דער רב פון פיעטריקוב בהשגחה פרטית ראטעוועט צוויי אידישע סאלדאטן פון טויט ****

הגאון ר' מנחם דוד ב"ר מיכאל טעמקין זצ"ל איז געבוירן אין ווארשא, ער איז געווען א גאון עולם, און ער איז שפעטער געווארן דער רב פון פיעטריקוב. ער איז געווען א חסיד פון אמרי אמת פון גור זצוק"ל און ער איז אויך געווען זייער נאנט צום הייליגן אבני נזר מסאכאטשוב זצוק"ל, וואס שרייבט צו אים צוויי תשובות: איינס אין או"ח (סי' ת"ג) וז"ל ב"ה יום א' אמור כ"ח למב"י תרנ"ו לפ"ק, שלום וכל טוב לכבוד אהובי הרבני המופלג החריף מו"ה דוד נ"י מענקין, און אויך אין יו"ד (סי' שצ"ט), אויך איז ער געווען מקושר מיט די הגאונים ר' יהושע'לע מקוטנה זצ"ל בעל ישועות

מלכו ועוד, און הרב חיים אלעזר וואקס זצ"ל בעל שו"ת נפש חיה און נאך. ער האט אסאך חידושים געשריבן אבער עס איז נאר געבליבן פון אים איין ספר ויברך דוד אויף מס' ברכות און שבת וואס זיינע קינדער האבן געדרוקט שנת תרצ"ו מיט די הסכמה פון הייליגן אמרי אמת. ער איז נסתלק געווארן ט' חשון תרפ"ג, און זיין ממלא מקום אין פיעטריקוב איז געווארן דער רב פון סאנוק הגאון ר' מאיר שפירא זצוק"ל פון ישיבת חכמי לובלין.

ביי די ערשטע וועלטס מלחמה איז געווען צרות צרורות פאר די אידן אין אירופא און דעמאלטס האט פיעטריקוב באלאנגט צו רוסלאנד וואס זיי האבן נישט געשוינט קיין איד. און ביי די מלחמה האט מען גענומען מענטשן אין מיליטער און נישט געקוקט אויף חשובים אדער רבנים און ווען עס האט זיי פארשמעקט איינעם צו נעמען אין מיליטער האט עס גארנישט געהאלפן. איין נאכט הערט ר' מנחם דוד אז מען קלאפט אויפן טיר און מען שרייט עפענט שוין, מיר זענען די פאליציי פון די ארמיי און מען האט געעפנט די טיר און זיי זענען געקומען צום רב און איבער געגעבן א דאקומענט אז ער מוז קומען מארגן אין די מיליטערישע געריכט הויז אין פיעטריקוב. זיי האבן געווארפן א שרעק אויפן רב און אים געהייסן אונטער שרייבן אז ער האט דערהאלטן די הזמנה און זיי זענען אוועק. דער רב האט געמיינט אז מען רופט אים צו גיין דינען אין די ארמיי, און ער האט געחלש'ט און מען האט אים זייער שווער דערמינטערט.

אין דאקומאנט איז געשטאנען אז דער רב מוז זיין 6 אזייגער אינדערפרי אין דעם געריכט הויז. עס איז געווען שפעט באנאכט און מען האט געזוכט א אדוואקאט, אבער אלעס איז געווען פארשלאסן האט דער רב געבעטן א איד זאל מיטקומען מיט אים זיין א מתורגמן אויפן רוסישן שפראך און דער איד איז מיטגעקומען אבער מען האט אים נישט אריינגעלאזט און דער רב האט געמוזט אליין אריינגיין. אין געריכט האט ער געוויזן זיין דאקומענט און מען האט אים געפירט וואו ער דארף גיין. דער רב קומט אריין אין דער געריכט און דריי שופטים זיצן ארום א טיש און רוסישע סאלדאטן שטיין אויף דיביידע זייטן און אנקעגן זיי זענען געזעצן צוויי אידישע אויסגעדארטע סאלדאטן פול מיט שרעק אויף זייער פנים. די שופטים רופן צו דעם רב. און עס כאפט אים א שרעק און ער בעט א תפילה פון אויבערשטן אז ער זאל זיין דער באהיטער.

ווען דער רב קומט צום טיש פון די שופטים זאגט א אפיצער צום רב אז דער מיטעלסטער איז דער הויפט שופט און די צוויי וואס זיצן אויף זיין זייט זענען הויך געשעצטע גענעראלן אין די ארמיי. איין גענעראל בעט פון ר' מנחם דוד זיין דאקומענט און קוקט אין דאקומענט, און קוקט אויף דער רב, און ווארפט א שמייכל צום רב, וואס דאס האט זייער בארוהיגט דעם רב. דערווייל דער גענעראל שמועסט מיט די אנדערע צוויי שופטים, ווען דער גענעראל פרעגט דעם רב צו ער דערקענט אים? און דער רב ענטפערט אז ניין! פרעגט אים דער גענעראל צו זיין טאטע הייסט מיכאל און אויב ער האט געוואוינט אויף יענע גאס אין ווארשא און דער רב ענטפערט יא. זאגט אים דער גענעראל אז ער איז געווען זייער שכן און זיין טאטע האט געטאן טובות פאר זיין משפחה און ער פלעגט שפילן מיטן רב יונגערהייט און דער רב קוקט אים אן גוט און דערמאנט זיך אין אים. דער רב האט שוין צוריק באקומען זיין מוט.

דער גענעראל הויבט אן צו זאגן אז די צוויי אידישע זעלנער וואס זיצן דא זענען באשולדיגט אלץ צו זיין א שפיאן פאר די פיינט. און די ראיה צו דעם איז געווען, ווייל ווען זייער גרופע פון הונדערטער סאלדאטן האבן זיך געשלאגן אויפן פראנט מיט די פיינט, האבן די צוויי כסדר געשריגן עפעס אין די אידישע שפראך, און ביי די שיסערייען זענען אלע רוסישע זעלנער געהארגעט געווארן און די צוויי אידישע זעלנער זענען געבליבן לעבן. דעריבער זענען מיר זיכער אז זיי האבן איבערגעגעבן מיט זייער שרייען סימנים וואו די רוסישע זעלנער זענען און מען האט אלעמען געשאסן און די צוויי זענען געבליבן ביים לעבן! דעריבער גייט מען זיי אורטיילן א טויט שטראף, און ווייל די געזעץ איז אז מען דארף א רב זאל זיין איידער מען הארגעט א אידישע זעלנער כדי זיי זאלן זאגן ווידוי, האט מען געשיקט פארן רב צו זיין דא יעצט.

דער רב האט געזען די חסדים און השגחה פרטית אז ער האט פונקט אנגעטראפן מיט זיין אלטן ידיד, און האט גענומען רעדן מיט די שופטים און געזאגט איך וועל אייך געבן צו ערקלערן וואס איז דא געווען. וויסן זאלט איר אז די אידישע זעלנער זענען זייער געטריי די מלוכה, און איך וועל אייך אויסזאגן די ווערטער וואס זיי האבן געזאגט און דערנאך פרעגט זי דאס איבער. און דער רב זאגט זיי שטילערהייט אז זיי האבן געזאגט שמע ישראל! די שופטים האבן צו גערופן די צוויי זעלנער און זיי געפרעגט וואס האבן זיי געשריגן ווען די פיינט זענען געקומען נאנט צו זיי? און זיי האבן געזאגט מיר האבן געשריגן שמע ישראל!

די שופטים האבן זיי געהייסן אוועק זעצן, און דער רב בעט רשות אויב ער קען ערקלערן וואס דא איז געווען? דער גענעראל וואס האט געוואוסט די ערליכקייט פון רב, און ער איז דאך געווען זיין נאנטער חבר פון אמאל, האט געענטפערט ברשות די ריכטער'ס, מיר זענען גרייט צו הערן און אויב די ווערטער פון רב וועלן זיי געפעלן וועלן זיי באפרייען די צוויי זעלנער.

דער רב הויבט אן צו מסביר זיין אז דאס איז די נאטור פון יעדן איד אין אלע דורות, ווען ער איז אין א עת צרה און עס קוקט אויס ווי מען גייט שטארבן, שרייט מען אויס שמע ישראל, און מען גיסט אויס די הארץ פארן אויבערשטן אז ער זאל העלפן, ווייל מיר האבן א קבלה פון אונזער חכמים אז מען טאר נישט מייאש זיין פון בעטן אפילו ווען די שווערד איז אויסגעשרעקט אויפן האלדז. אבער דאס איז חלילה נישט קיין סימן פאר די פיינד! און איר וועט זען אויב מען וועט באפרייען די צוויי סאלדאטן וועלן זיי ווערן פון די גרויסע אפיצערן אין די ארמיי! דער אויבערשטער האט געהאלפן אז די ריכטער האבן אנגענומען די זיסע רייד פון רב און האבן באפרייט די צוויי אידישע זעלנער'ס וואס האבן מיט טרערן געדאנקט די רב און די ריכטער.

דער גענעראל האט איינגעזען די גרויסקייט און קלוגשאפט פון רב אין זיין רעדע און גענומען א פאפיר און אנגעשריבן א תעודה מיט די אונטערשריפט פון די דריי ריכטער אז דער רב איז יעצט אויך א מיטגליד אין די רוסישע מלוכה. דער רב האט געדאנקט זיין חבר און די אנדערע ריכטער. דער תעודה האט געגעבן דעם רב א גרעסערע כח אין זיין העלפן אידן בכל עת צרה וצוקה ווייל יעצט האט מען מכבד געווען דעם רב אין די מלוכה אויך. די תעודה איז געבליבן אין די משפחה ביז די צווייטע וועלט'ס מלחמה ווען פיעטריקוב איז דעמאלטס אריבער צו פוילן און די דייטשן ימ"ש האבן אנגעהויבן די חורבן דארטן אין אלול שנת תרצ"ט.

ניש קוקן אין דעם חלק במשך השבת קודש: *הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד- צו פארקויפן-*

*סידור תורה אור חב"ד געדרוקט אין שנגהאי תש"ז זייער זעלטן 6000$, ספר יעקב וישראל זידיטשוב מיט פול הגהות בכת"י 1000$*

תהלים אמרות טהורות דפוס זיטאמיר, תהלים דגל והודיה דפוס זיטאמיר, תהלים ע"ט דפוס זיטאמיר, הרבה ספרים מישיבה תת"ל ליובאוויטש ומישיבת מיר שנדפסו בשנגהאי. הרבה ספרי חב"ד שנדפסו לפני המלחמה, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא, ספר שארית ישראל ווילעדניק דפוס ראשון א סגולה אויף שמירה, תהלים בן ביתי סגולה פאר גוטע קינדער און לכל דבר 1500$. קול קורא פון חפץ חיים תרפ"ט פון ווילנא וועגן טהרת המשפחה 600$, **גרויסע תהלים דפוס זיטאמיר 5000$**,, ברייוו פון הגאון ר' אליעזר ראביאוויץ דער מינסק גדול, א ברייוו פון ר' אהרן וואלקין וועגן זיין ספר סביב ליראיו, תשובה פון הייליגן דברי יואל 5 שורות כת"י בלי חתימה. ספר מגיני שלמה ויניציא תק"א עם חתימת ר' פייוויל פלויט תלמיד חתם סופר., הכתב והקבלה דפוס ראשון, **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** א גמרא פון הרה"ג ר' אברהם פאם זצ"ל 180$, א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל 600$, ספר פרקי הנאז"ר על שחיטה מבואר על פי חסידות 90$, בעכער פון הרה"ק ר' מאיר מפרימישלאן, קומט אריין און איבערצייגט זיך.

איבער 10000 ספרים אין געשעפט, מיר ווייסן וואס מיר האבן, און אלעס איז מסודר אין א סדר.

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Thursday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת -- **http://ladaat.info/gilyonot.aspx** אדער אויף לדעת